

# פארוואס מוטש
# אונזער עולם פי

**אין א צייט ווען די גאנצע וועלט, און אונזער היימישער עולם בפרט, מוטשעט זיך צו דעקן דאס טאג-טעגליכע אויף אן אומגעהויערן פארנעם, הערן מיר פון דעם חסיד'ישן "פינאנץ מיניסטער" מו"ה חיים טויבער הי"ו, איבער עפעקטיווע שריט וואס יעדער איינער קען אונטערנעמען צו פינאנצירן זיין פאמיליע בעז"ה, אן זיין פארזונקען אין חובות**

# שעט זיך
# פינאנציעל?

**די וויכטיגקייט פון לעבן מיט א פינקטליכן חשבון** // וויאזוי קריכט מען ארויס פון א פינאנציעלן פלאנטער? // **פארוואס מוטשעט זיך אונזער עולם פיל מער ווי די אלגעמיינע גאס?** // די סכנה פון קרעדיט קארטלעך // **וויאזוי קען איך פארדינען מער געלט?** // וויפיל געלט ברויך איך אוועקלייגן? // **וואו איז דער בעסטער פלאץ אוועקצולייגן געלט?**

ישראל יאזשעף און
משה ראזנער



"איך קען נישט דעקן דעם חודש!"

"איך זינק אין חובות!"

"יעדן חודש פלאג איך מיר צו צאלן דאס קרעדיט קארטל פון פאריגן חודש!"

"אין עטליכע יאר וועל איך בעז"ה אנהייבן חתונה מאכן קינדער. עס ווערט מיר שווער אויפ'ן הארץ צו טראכטן וויאזוי איך וועל דאס באוויייזן!"

דאס זענען טיפישע באקלאגענישן וואס מיר הערן טעגליך פון היימישע יונגעלייט. דעם ווייטאג וואס שרייט ארויס פון יעדן איינציגן פון די יונגעלייט קען מען ממש טאפן מיט די הענט. עס שניידט דורך ביז די טיפסטע סטרונעס פון הארץ, צו זען דעם עול וואס פלאגט אידישע קינדער, און ווי זיי זעען נישט קיין וועג ארויס.

עס איז שוין היינט נישט קיין סוד אז פרנסה ביי היימישע אידן ווערט שווערער און שווערער. א ריזיגער פראצענט יונגעלייט מוטשען זיך צו דעקן זייערע חודש'ליכע קאסטן, און אפגערעדט אז ווען עס קומט חתונה צו מאכן איז שוין ממש ביטער. אויב פאר עטליכע יאר צוריק האט מען מיט גרויס שוועריגקייטן געקענט דעקן דעם חודש, איז אבער אנגעקומען די אינפלאציע עפאכע וואס האט ארויפגעטריבן די פרייזן פון אלע אונזערע אויסגאבן – אנגעהויבן פון עסנווארג און קליידער, און געענדיגט ביי א מערהייט בילס און/אדער אלגעמיינע הוצאות.

אין א שמועס מיט דעם פינאנציעלן ראטגעבער מו"ה חיים טויבער הי"ו פון "טויבער'ס סאלושענס", טוט ער אויסשרייען דאס ווי געשריי פון היימישע יונגעלייט, און טוט אומצווײדייטיג קלארשטעלן: "מיר דארפן טוישן אונזער פינאנציעלע געוואוינהייט!"

די פירמע "טויבער'ס סאלושענ'ס" איז געגרינדעט און ווערט געפירט דורך מו"ה חיים טויבער הי"ו. די פירמע סערווירט קליענטן פון יעדער עלטער און אין יעדן מצב; אנגעהויבן פון שנה ראשונה יונגעלייט, און געענדיגט ביי עלטערע ביזנעסלייט וועלכע פירן ברייטפארצווייגטע געשעפטן. ר' חיים האט א שטאב מיט געלערנטע ארבעטערס, וועלכע העלפן יעדן קליענט זיך אוועקשטעלן מיט א פעסטן און געזונטן בודזשעט. אין א צייט ווען כלל ישראל מוטשעט זיך פינאנציעל אויף גאר א שווערן פארנעם, האט "שריפט" אפגעהאלטן א רייכן און אינפארמאטיוון שמועס מיט ר' חיים, צו הערן אביסל איבער די פונדאמענטן פון די פראבלעמען וואס פלאגן אונזער ציבור, און וואס יעדער פאר זיך קען טון צו פארבעסערן זיין פינאנציעלן שטאנד.

"צרכי עם ישראל מרובים," זאגט ר' חיים. "עס שפירט זיך ביי רוב כלל ישראל ווי דער פינאנציעלער עול איז ממש גדול מנשוא. אבער מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף שלעפן מיר טעגליך ארויס יונגעלייט פון זייער פינאנציעלן זומפ. קיינער איז נישט באשאפן געווארן אויף צו הונגערן און אויף צו זיין א 'לוה רשע ולא ישלם' – מען דארף נאר טרעפן דעם פאסיגן צוגאנג פאר יעדן איינעם. און דאס איז מיט וואס דער רבש"ע האט אונז מזכה געווען, אויסצוקלארן פאר אידישע קינדער זייערע חיובי השתדלות וואס דער אויבערשטער פארלאנגט פון זיי, און אזוי ארום זיי שטעלן אויף די פיס צו קענען שפייזן די פאמיליע, און עווענטועל חתונה מאכן די קינדער אויף א לייכטן אופן, אן דארפן בארגן און דרייען מיט געלט בעז"ה.

"זינט ראש השנה תשפ"ד האט זיך אלעס געטוישט. די צאל בעלי חובות האבן זיך ליידער געהויבן צו ארום אכציג פראצענט!"

אט דעם שאקירנדן פאקט הערן מיר פון ר' חיים. אלס א פינאנציעלער עקספערט און ראטגעבער, מיט יארן ערפארונג אין דער היימישער עקאנאמיע, טוט ר' חיים אויסשרייען דאס ווי געשריי פון יונגעלייט וועלכע מוטשען זיך ביטערליך מיט חובות און קענען נישט דעקן זייער חודש.

דורכאויס אונזער שמועס, טוט ר' חיים בארירן די גאר סענסיטיווע פינאנציעלע פראבלעמען וואס באגלייטן אונזער היימישן עולם. אנגעהויבן פון די הויכע סטאנדארטן וואס קומען באגלייט מיט א מה-יאמרו-הבריות'דיגער שרעק, און געענדיגט מיט דער נישט-ריכטיגער פינאנציעלער געוואוינהייט צו וועלכן מיר האבן זיך צוגעוואוינט, וואס אלס רעזולטאט שטייגן די פראצענט פון בעלי חובות רח"ל.

מיט א געלאסענער שטימע ענטפערט ער אויף אלע אונזערע פראגעס, און ווידערהוילט מיט א קלארקייט אז די לייזונג ליגט ביי יעדן אינדיווידואל אין די הענט.

ר' חיים איז נישט שטעקן געבליבן מיט'ן בלויז טרעפן די פראבלעמען און קלאגן אויף זיי, נאר מיט זיין אייגנארטיגער סטראטעגיע האט ער שוין באוויזן צו נעמען פילצאליגע יונגעלייט פון מינוס צו פלאס.

אין אן ערשטמאליגן שמועס מיט "שריפט" טוט ער קלארשטעלן: "יעדער איינער קען ארויסקומען פון זיינע פינאנציעלע לעכער און אנהייבן צו לעבן אויסגערעכנט," זאגט ר' חיים, "אין פאל ער וועט טוישן זיין פינאנציעלע געוואוינהייט וואס מאכט אויס אכציג פראצענט פון א מענטש'ס פינאנצן. עס איז נישט וויפיל מען פארדינט, נאר דער וועג וויאזוי מען פירט זיך אויף מיט געלט."

## א דאלאר אויף א דאלאר

*ר' חיים דערציילט זיין לעבנסגעשיכטע וויאזוי ער האט אנגעהויבן שוין פון די יונגע יארן אוועקצולייגן קליין געלט יעדן חודש, נאכ'ן פארשטיין דאס גרויסע אחריות וואס מען דארף האבן אלס פרנסה ברענגער אין א אידישער שטוב, און וויאזוי דאס האט עווענטועל געפירט צו דער גרינדונג פון זיין פירמע.*

אנגעהויבן פון אלס בחור, האב איך שוין פארשטאנען אז אויף געלט ברויך מען אכטונג געבן. עס איז געווען ווען איך בין געפארן לערנען אין דער מירער ישיבה אין ארץ ישראל. איך האב געקריגן פון מיין טאטן זאל זיין געזונט א סומע געלט אנהייב זמן, און דאס האט געדארפט קלעקן פאר ביז סוף זמן. איך האב דאס תיכף גענומען מיט א שטארקער פאראנטווארטליכקייט, און זיכער געמאכט נישט צו פארפאטשקען דאס געלט אויף מינדערוויכטיגע געברויכן, אז איך זאל מיר נישט דערזען ערגעץ אינמיטן זמן אן א פרוטה. איך האב אלעמאל אוועקגעלייגט א חלק געלט פאר שפעטער אינעם זמן, ווי אויך האב איך פרובירט דא-דארט צו מאכן עפעס קליינע געשעפטעלעך צו האבן עפעס עקסטער געלט.

נאך מיין חתונה בשטו"מ, האב איך געהאט צו באצאלן רענט דעם ערשטן חודש, אבער ווי פארשטענדליך האט זיך אויסגעפעלט איך זאל האבן א געהעריגן פרנסה קוואל צו דעקן מיינע חודש'ליכע קאסטן. איך האב זיך דאן ארויסגעלאזט איבער דער האנדל-וועלט, און זיכער געמאכט אז איך האב געלט צו באצאלן סיי מיינע יעצטיגע אויסגאבן, און סיי אויף אוועקצולייגן פאר א "רעגנדיגן טאג", ווי מ'רופט עס.

עס איז געווען איין מאנאט נאך מיין חתונה, ווען איך האב זיך געפונען אויף א שבת אין בארא פארק, און מיר האבן באשלאסן צו גיין קויפן נאכטמאל זונטאג נאכט אין איינעם פון די לאקאלע געשעפטן. למעשה האב איך זיך געפונען ביי מיינע עלטערן, און זיי האבן אונז צוגעשטעלט עסן, בין איך פארבליבן עסן ביי מיינע עלטערן.

ווען מיר האבן געענדיגט עסן, האט מיין מוטער זז"ג מיך געפרעגט וויפיל געלט איך האב געפלאנט צו שפענדן פאר עסן. איך האב איר געענטפערט אז איך האב געפלאנט צו שפענדן דרייסיג דאלאר. האט זי מיר רעקאמענדירט צו נעמען די דרייסיג דאלאר, און עס אריינשטעלן אין א סעיווינגס אקאונט.

איך האב איר געפאלגט. דאן איז געווען דאס ערשטע מאל וואס איך האב אפיציעל אוועקגעלייגט געלט אין א סעיווינגס אקאונט. פון דעמאלט אנגעהויבן איז מיר דער געדאנק אריין אין קאפ, און איך האב פארגעזעצט אוועקצולייגן א דאלאר אויף א דאלאר.

איך האב פארשטאנען אז אויב וועל איך נישט אפהיטן מיין אָפּגעשפּאָרט געלט אין א פארמאכטער קאנטע, וועט דאס געלט פארוואסערט ווערן אין א צווייטער געלעגנהייט. דעריבער האב איך דאס דווקא ארייננגעשטעלט אין א סעיווינגס אקאונט.

צוביסלעך בין איך געקומען צום טעם פון שפּאָרן. איך האב דאן געוואוינט אין מאנסי, וואו איך וואוין נאך ביז היינט, און איך האב באצאלט אסאך ווייניגער רענט ווי א געווענליכער איינוואוינער. בשעת ווען דאס מערהייט פון מיינע פריינט האבן באצאלט $1,850 א חודש, האב איך באצאלט בלויז $850 דאלאר, און איך האב באשלאסן אז דער טויזנטער וואס איך שפּאר זיך איין יעדן חודש וועט אריינגיין אין א סעיווינגס אקאונט.

היות איך האב ב"ה געלעבט זייער אחריות'דיג מיט געלט, האב איך אנגעהויבן רעקאמענדירן פאר עטליכע פריינד זיי זאלן אויך אזוי טון. עס האט מיר שטארק געגעבערט צו זען וויאזוי מענטשן לעבן ממש אן א חשבון און פארשווענדן זייער געלט אויף גארנישט, דעריבער האב איך כסדר געשמועסט מיט מענטשן איבער דער וויכטיגקייט פון פינאנציעלער פאראנטווארטליכקייט.

## ארויס פון א פינאנציעלער לאך אין בלויז דריי מאנאטן

א שטיק צייט נאך מיין חתונה האב איך שוין בעז"ה געהאט גענוג געלט אראפצולייגן א דאון-פעימענט צו קויפן א הויז. איך האב געהאט א חבר וואס האט נישט געקענט פארשטיין וויאזוי איך האב עס געקענט באוויזן. יענער איז געווען א שענערער פארדינער ווי איך, ער האט געהאט גרעסערע קרעדיט קארטלעך, און בכלל איז ער געווען אין א גוטן פינאנציעלן צושטאנד. פארט אבער האט ער נישט בלויז נישט געקענט אראפלייגן דאס נויטיגע געלט וואס פעלט זיך אויס צו קויפן א הויז, נאר ער האט זיך גאר ארומגעמוטשעט מיט חובות.

איך האב אים פארגעשלאגן הילף דורכצוגיין מיט אים זיינע פינאנצן. עס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס איך בין געזעסן מיט א




צווייטן מענטש און געמאכט א פינקטליכן חשבון אויף אלע זיינע פינאנצן, וויפיל קומט אריין, וויפיל גייט ארויס, וויאזוי פירן זיך די חשבונות און אלגעמיין, אא"וו.

נאכ'ן באטראכטן זיינע פינאנצן, בין איך צוגעקומען צו א חשבון אז אויב וועט ער זיך האלטן צו א באשטימטער סומע וויפיל ער גיבט אויס יעדן חודש פאר זיינע טעגליכע געברויכן, און דאס איבריגע וועט ער אוועקלייגן, וועט אלעס שטימען, און בעז"ה וועט ער ביז א יאר קענען ארויסקריכן פון זיין פלאנטער און גאר אנהייבן אוועקלייגן געלט. זיין עיקר פראבלעם איז געווען אז ער האט נישט געוואוסט וויפיל עס קאסט אים צו לעבן א חודש, און ער איז געווען פארזונקען אין א פינאנציעלע צעמישעניש.

בלויז דריי מאנאטן (!) זענען אריבער, און דער יונגערמאן איז געגנצליך ארויסגעקומען פון זיינע חובות. דאס איז געווען א זעלטענער דורכברוך, וויבאלד ער האט גארנישט געטון עפעס דראסטיש, נאר בסך הכל אנגעהויבן צו האלטן חשבון אויף זיינע אויסגאבן. ער האט געשניטן אביסל זייטיגע הוצאות וואס האבן סיי ווי נישט אויסגעפעלט, און געטון צו דער זייט געוויסע קלענערע געשעפטן אויף צו פארדינען עטוואס מער, און ביז דריי חדשים איז ער געווען א נייער מענטש.

פון דארט און ווייטער האב איך געהאט נאך עטליכע מענטשן וועלכע זענען געקומען צו מיר זיך באקלאגן אז זיי קענען נישט דעקן זייער חודש, און אזוי האב איך צוביסלעך אנגעהויבן טון "בודזשעטינג", נעמליך, אויסלערנען מענטשן וויאזוי צו האלטן חשבון אויף זייערע פינאנצן, שפּאָרן און פארדינען.

עס איז מיר אינגאנצן נישט איינגעפאלן צו נעמען באצאלט פאר מיין ארבעט, און איך האב נאך ניטאמאל געוואוסט אז מ'קען פארדינען דערפון. הערשט ווען א געוויסער פרעמדער יונגערמאן האט זיך פארבונדן מיט מיר און געזאגט אז ער האט געהערט וואס איך טו און ער וויל מיר באצאלן אז איך זאל אים אויך ארויסהעלפן, האב איך מיך געעפנט די אויגן, און אנגעהויבן טראכטן אז דאס קען זיין א גוטע פרנסה.

גראדע איז יענער געווען א היפש אויסגערעכנטער מענטש און פארשריבן אלע זיינע אויסגאבן, עס האט אים אבער געפעלט די פלענער. ער האט נישט אויסגעפלאנט אנהייב חודש וויפיל געלט ער וועט דארפן פאר זיינע אויסגאבן, דעריבער האט ער זיך געטראפן אין א לאך, כאטש וואס ער האט געהאט דעם חשבון פארנט פון זיינע אויגן. ברוך השם אז איך האב באוויזן אים ארויסצוהעלפן, און ער האט מיך אנגעהויבן רעקאמענדירן פאר זיינע

חברים. אזוי איז עס געגאנגען פון מויל צו אויער, ביז איך האב זיך געטראפן מיט א שיינע פאר קליענטן.

אין אנהייב בין איך נאך געווען פארנומען מיט אנדערע זאכן, אבער צוביסלעך האב איך דאס אפגעלאזט און זיך אריינגעלייגט בלויז אין פינאנציעלע עצה-געבעריי.

## דיסציפּלין

*ר' חיים הייבט אן אביסל צו ערקלערן די יסודות פון א געזונטן און אויפריכטיגן בודזשעט.*

איידער מיר בארירן דעם נושא פון שפּאָרן און אוועקלייגן געלט, איז וויכטיג צו וויסן אז כדי צו קענען אוועקלייגן געלט פעלט זיך צוערשט אויס דיסציפלין, נעמליך, דער מענטש מוז זיין אין קאנטראל און זיך האלטן צו זיין באשלוס. עס איז מיר נישט גרינג געווען אריינצולייגן טויזנט דאלאר יעדן חודש אין אן ענוועלאפ, פארט אבער האט מיין דיסציפלין מיך געשטופט איך זאל זיכער מאכן אז סוף חודש האב איך א טויזנטער אוועקגעלייגט.

איך האב אוועקגעלייגט געלט סיי אין קעש און סיי אין א סעיווינגס אקאונט. ביי מיר איז געווען קלאר אז פונקט אזוי ווי עס מוז אריינקומען געלט אין מיין געווענליכער טשעקינג אקאונט, מוז אויך אריינגיין געלט אין סעיווינגס. אזוי אויך ווען עס איז געקומען אוועקצולייגן קעש, האב איך געהאט צוויי באזונדערע קאנווערטן, אויף איינס איז געשטאנען אויפגעשריבן "טשעקינג קעש" און אויף דער צווייטער "סעיוויגנס קעש".

איך האב געמאכט א פעסטן באשלוס אז געלט וואס גייט אריין אין א סעיווינגס אקאונט איז מוקצה. איינמאל דאס געלט איז אריין אין א סעיווינגס אקאונט אדער קאנווערט, קען איך דאס שוין נישט צורירן. דאס איז די דיסציפלין וואס איז קריטיש וויכטיג אויף אנצוהאלטן געזונטע פינאנצן.

מענטשן פרעגן מיך: "וויאזוי איז מעגליך זיך איינצוהאלטן און נישט צורירן צום געלט וואס מען האט אוועקגעלייגט? יעדער האט דאך אמאל א שמאלן מצב ווען ער נויטיגט זיך אין געלט!"

אלזא, איך פארשטיי אז פאר א דיסציפלינירטן מענטש איז דאס גרינגער, וויבאלד ער האלט זיך אלעמאל צו זיינע פרינציפן. אבער אפילו עמיצער וואס איז סתם אזוי נישט אזא דיסציפלינירטער מענטש קען דאס אויך באוויזן. לאמיר אנכאפן א געווענליכן ביישפיל. ווען איינער קומט אריין אין א ווינטערדיגן פרייטאג צונאכטס ביי זיך אינדערהיים און ער זעט זיך אז ער האט פארגעסן צו אנצינדן די הייצונג בעפאר שבת, וועט אים דען חלילה איינפאלן פאר א מינוט דאס אנצוצינדן? אוודאי נישט.

די זעלבע זאך, להבדיל, קען מען זיך איינפירן ווען עס קומט אוועקצולייגן געלט. מיר אלע זענען דיסציפלינירטע מענטשן וויבאלד מיר זענען אידישע קינדער וואס היטן די תורה און הלכה. די פראגע איז בלויז אויב מיר נוצן אונזער דיסציפלין אויך אין אנדערע געלעגנהייטן. יעדער קען אוועקלייגן געלט און נישט צורירן דערצו אפילו עס זאל זיין וואס זאל זיין. עס דארף אבער באטאנט ווערן, אז עס איז נישט די צייט זיך צו דיסציפלינירן אין א נויטפאל און דאן זיך האלטן שטארק, נאר די צייט דאס איינצופעדעמען איז פון פאראויס ווען מען דעזיגנירט דאס געלט פאר סעיווינגס. דאס דארף אויפ'ן פלאץ צוגיין מיט א פעסטן באשלוס, אז מען איז מסיח דעת פונעם געלט אינגאנצן. נאר אזוי וועט מען אין פאל פון נויט ח"ו זיך האלטן דערצו און דאס נישט צורירן.

מיר אלע זענען דיסציפלינירטע מענטשן וויבאלד מיר זענען אידישע קינדער וואס היטן די תורה און הלכה. די פראגע איז בלויז אויב מיר נוצן אונזער דיסציפלין אויך אין אנדערע געלעגנהייטן

■ **ווען א מענטש קומט זיך דורכרעדן מיט א פינאנציעלן קאוטש, ווערט ער דען פלוצליג רייך? עס גייט דאך נישט צוקומען געלט צו זיין וועכנטליכע געהאלט נאכ'ן שמועסן מיט א פינאנציעלן עקספערט. איז וויאזוי קען מען אויפגעראכטן ווערן פון בלויז שפארן און בודזשעטן? וואו שטעקט די קונץ?**

א מענטש'ס פינאנצן ווענדט זיך נישט אין וויפיל ער פארדינט. בעסער געזאגט, זיינע פארדינסטן מאכן אויס בלויז צוואנציג פראצענט פון זיינע פינאנצן, ווידער אכציג פראצענט ווענדט זיך וויאזוי ער פירט זיך אויף מיט זיין געלט.

דאס הייסט עס וועט זיך ווענדן אין וואס דער מענטש גלייבט אז ער מוז האבן, און דער וועג וויאזוי ער פירט זיך אויף ווען עס קומט צו נוצן געלט. עס זענען פאראן שיינע פארדינער וועלכע וועלן זיך טרעפן מיט א לאך סוף יאר, ווידעראום איז פאראן קלענערע פארדינער וועלכע וועלן אלעמאל האבן דאס געלט וואס זיי דארפן. פארוואס? ווייל דער שיינער פארדינער רעדט זיך איין אז ער דארף שפענדן כאטש צען-אלפים א יאר פאר וואקאציע, ער דארף איינקויפן איבערגעטריבן און אומ'אחריות'דיג, אזוי ארום קומט אויס אז וויפיל ער פארדינט נאר איז אים נישט גענוג.

דאקעגן דער קלענערע פארדינער וואס קלויבט א דאלאר אויף א דאלאר, ער גיבט אכטונג ביים אויסגעבן געלט, ער איז אויסגערעכנט, ער זוכט וואו ער קען מאכן נאך אפאר דאלאר אין דער זייט, איז אלעמאל פאראויס פון דעם שיינעם פארדינער.

נאכמער, דער אויסגערעכנטער מענטש איז דרייסט און אנטשלאסן מיט זיינע פינאנצן, ער שעמט זיך נישט צו בעטן א העכערונג פון זיין בעל-הבית, ער האט נישט מורא צו פרובירן נייע ארבעט, און ער האט האט די שטארקייט נישט צו שפענדן געלט וואס קען ווערן אוועקגעלייגט.

דאס זיין דיסציפלינירט גייט נאך טיפער, און באגלייט דעם מענטש אויף יעדן טריט און שריט. א צופרידענער מענטש וועט אויסגעבן ווייניגער ווי א נישט-צופרידענער מענטש, און א רואיגער מענטש וועט אויסגעבן ווייניגער ווי אן אומרואיגער מענטש, אין א קלארער אנדייטונג אז מענטשליכע נאטורן און געוואוינהייטן שפילן א הויפט ראלע אין די פינאנצן.

אויב וועט א מענטש פאקוסירן בלויז אויף זיינע הכנסות און נישט אויף זיין פינאנציעלער געוואוינהייט, וועט אים סיווי נישט העלפן וויפיל געלט ער מאכט. אפילו א מענטש וואס פארדינט א האלב מיליאן אדער א מיליאן דאלאר א יאר, וועט זיך מוטשען צו דעקן זיין חודש אין פאל ער גיבט נישט אכטונג אויף זיין פינאנציעלער געוואוינהייט.

אלזא, עס איז נישט וויפיל מען פארדינט, נאר דער וועג וויאזוי מען פירט זיך אויף מיט'ן געלט, און דאס וועט א פינאנציעלער עקספערט טון. ער וועט ארבעטן צו עפענען די אויגן פון זיין קליענט ער זאל באמערקן זיין נישט ריכטיגע פינאנציעלע געוואוינהייט, און אזוי ארום שניידן אומנויטיגע אויסגאבן. אויטאמאטיש וועט ער זיך דערזען סוף חודש מיט מער געלט אין טאש.



ר' נפתלי אסטרייכער פון טויבערס סעלושענס ביים געבן א שיעור אין פינאנציעלער הדרכה פאר חתנים

אין א זייטיגן נאטיץ, די דאגות פון קליינע און גרויסע פארדינער זענען זייער ענליך. דער מולטי-מיליאנער וואס האט עטליכע מיליאן דאלאר חובות איז אים דאס זייער שווער און ער גייט ארום אן א קאפ, און א יונגערמאן פון 24 יאר וואס האט צען טויזנט דאלאר חובות טיילט מיט אן ענליכן שיקזאל.

## מוז איך טאקע שניידן מיינע אויסגאבן?

**■ איז נישט פאראן א וועג אז מענטשן זאלן פארדינען מער און זיך נישט דארפן באפארענען מיט'ן שניידן הוצאות - וואס איז א שווערע זאך, בפרט ווען עס קומט צו גרויסע פאמיליעס?**

די פראגע איז אין אלגעמיין פארוואס מען מוז שניידן פון די אויסגאבן, ווען אין דער זעלבע צייט קען מען פרובירן צו מאכן נאך אפאר דאלאר. דאס הייסט אז מענטשן האלטן אז עס איז גרינגער צו פארדינען נאך געלט ווי איידער זיך ברעכן קאפ און טראכטן וואו מען קען שפאָרן. נאכמער, שפאָרן געלט איז דאך באגרעניצט, א מענטש קען שניידן זיינע הוצאות פון $10,000 צו לאמיר זאגן $9,000, משא"כ פארדינען קען מען דאך אסאך מער ווי דאס. איז פארוואס פעלט זיך אויס שניידן הוצאות?

די פראגע איז א גוטע, אבער דער תירוץ איז נאך בעסער. אין פאל א מענטש וועט בלויז פאקוסירן צו פארדינען וואס מער געלט, וועלן אויטאמאטיש זיינע אויסגאבן זיך העכערן. אויב האט ער פארדינט $10,000 א חודש און פארדינט יעצט $20,000, וועלן זיך זיינע אויסגאבן הייבן פונקט אזוי, און ער וועט גארנישט האבן פון זיינע צוגעקומענע צען-אלפים. ווען א מענטש דערזעט זיך מיט א גרעסערער הכנסה, שפירט ער לייכטער, און ער הייבט תיכף אן צו אויסגעבן מער געלט. צומאל קען גאר זיין אז וויבאלד ער פארדינט מער, וועט ער אויסגעבן נאכמער וויפיל ער פארדינט, אזש עס איז שוין בעסער געווען ווען ער האט פארדינט ווייניגער.

דעריבער פעלט זיך אויס אז יעדער זאל צוערשט שניידן פון זיינע אויסגאבן אויף א וועג וואס וועט טוישן זיין פינאנציעלע געוואוינהייט, און תיכף דערנאך טראכטן וויאזוי צו פארדינען מער. אויף דעם אופן וועט ער בעז"ה קענען נאכקומען די דריי זאכן וואס פעלן זיך אויס פאר פינאנציעלער סטאביליטעט: שניידן הוצאות, הייבן די פארדינסטן, און אוועקלייגן געלט.

## די היימישע עקאנאמיע

**■ פארוואס טאקע איז דער פינאנציעלער מצב אזוי שווער ביים היימישן עולם? פארוואס אין דער אלגעמיינער גאס פילן נישט מענטשן אזוי געברעכן ווי ביי אונז היימישע אידן?**

מ'קען צעטיילן דעם ענטפער אין דריי חלקים.

## 1. מיר לעבן אויף הויכע סטאנדארטן

אין דער אלגעמיינער אמעריקאנער באפעלקערונג לעבן 78 פראצענט מענטשן פון "פעי-טשעק צו פעי-טשעק", נעמליך, זיי גיבן אויס פונקט וויפיל זיי פארדינען. דאס הייסט אז אכט פון יעדער צען אמעריקאנער קענען נישט אויסלעבן זייער קומענדיגן חודש אין פאל זיי באקומען נישט זייער געהאלט. אויב פארלירט עמיצער זיין דזשאב, וועט נישט נעמען מער ווי א וואך-צוויי און ער זאל זיך דערזען אן געלט אין טאש.

א דורכשניטליכער היימישער איד פארדינט אסאך מער ווי א דורכשניטליכער אמעריקאנער גוי. אבער מיר זענען געבענטשט געווארן מיט א הייליגער תורה און מצוות, וואס קאסט אונז ב"ה אסאך אסאך געלט, דעריבער זענען אונזערע אויסגאבן אויך אסאך העכער ווי דער דורכשניט. מיר האבן ב"ה ימים טובים, כשר'ע עסן, מיר ווילן וואוינען אין די היימישע געגנטער נעבן בתי מדרשים און מוסדות, מיר צאלן שכר לימוד, אא"וו, אזוי ארום קומט אויס אז מיר לעבן אויף גאר הויכע סטאנדארטן. דאס הייסט אז עס איז נישטא קיין נאטירליכער וועג וויאזוי מיר זאלן קענען דורכשווימען אונזער בודזשעט. איך וואלט געזאגט אז ביי אונז איז דער פראצענט מענטשן וואס לעבן פון "פעי-טשעק צו פעי-טשעק" ארום ניינציג פראצענט. און באמת יעדער איד וואס ארבעט אויסגערעכנט ווען מען קוקט גוט זעט מען אז אן תפילה, און אן נסים פון הייליגן באשעפער וועט גארנישט ווערן.

אויב איז דא איינער וואס האט יא אפאר איבעריגע דאלאר, דאן ווארט נאר ביז ער וועט אנהייבן שיקן אין ישיבה און אין קעמפ, און ווער רעדט נאך פון חתונה מאכן. די אויסגאבן זענען העכער ווי די פארדינסטן, און אויטאמאטיש טרעפט זיך יעדער דורכשניטליכער פארדינער מיט א פראבלעם, פריער אדער שפעטער.

## 2. "פיר פרעשור"

א ווייטאגליכער פאקט הערשט אינערהאלב אונזער ציבור, אז מענטשן פילן אז מען ברויך געפעלן די ארומיגע און זיך אהערשטעלן ווי א שיינער איד. סיידן דאס אז מען לעבט מיט א נישט-ריכטיגן בליק אויפ'ן לעבן, איז עס איינע פון די הויפט סיבות פארוואס מענטשן מוטשען זיך פאר פרנסה.

די הויפט סיבה פונעם פיר פרעשור איז וויבאלד מיר זענען זייער געזעלשאפטליכע מענטשן. אינדערפרי קומט מען אין שול און מ'טרעפט זיך מיט חברים, דאן גייט מען אין גראסערי און מ'טרעפט מענטשן, יעדע דריטע נאכט האט מען א חתונה, שבע ברכות, טיי-אווענט, דינער, פארברענג, אדער סיי וועלכן צוזאמקום, אזוי קומט אויס אז מיר זענען כסדר ארומגענומען מיט באקאנטע.

לאמיר אנכאפן דעם אלגעמיינעם אמעריקאנער גוי. ער האט בסך הכל עטליכע חגאות א יאר און ווען ער טרעפט זיך מיט זיינע באקאנטע, זיי האבן פיל קלענערע

משפחות, און גאר זעלטן האט ער א חתונה וכדומה. להבדיל מיר אידן האבן גאר א רייכן סקעדזשועל דורכאויס דעם יאר. מיר גייען אין ביהמ"ד דאווענען דריי מאל א טאג, מיר האבן יעדע וואך א שבת קודש, מען פראוועט ביי א שלום-זכור, קידוש, מלוה מלכה, און יעדער פון אונז איז ב"ה געבענטשט מיט צענדליגער שמחות דורכאויס דעם יאר. מיר זיצן מיט באקאנטע אין איין וואך מער ווי דער גוי אין א יאר.

אלס א נאטירליכע רעאקציע צו אונזער סאציאלע לעבן, ווערן מענטשן אפעקטירט פון דעם וואס זייערע אויגן כאפן אויף. פאראן א שפריכווארט, "וויז מיר דיינע חברים, וועל איך דיר זאגן ווער דו ביסט." ווען עמיצער דרייט זיך מיט מענטשן וואס היבן זייערע סטאנדארטן, וועט ער אויטאמאטיש אפעקטירט ווערן און אויך הייבן זיינע סטאנדארטן.

עס איז פאראן דערביי נאך א שטארקע נקודה. א שטיק צייט צוריק בין איך געזעסן אין קאר פון א חבר מיינעם, און מיר האבן פארברענגט איניינעם. מיין חבר באזיצט א פשוט'ן קאר פון 2018 מיט סחורה'נע זיצן, אבער עס איז אויסגעצאלט ביז'ן לעצטן פעני. מיטאמאל האט א יונגערמאן מיט א לוקסוריעזן אויטא זיך אפגעשטעלט נעבן אונז, און אנגעהויבן שמועסן דורך די פענסטער. איך קען אייך אזויפיל זאגן אז מיין חבר איז אן אייגענער בעל הבית, און ער פארדינט עטליכע מיליאן דאלאר א יאר, און יענער יונגערמאן איז אן אנגעשטעלטער ביי א פירמע און פארדינט נישט קיין סאך.

פארוואס קוקט מען מיט גרעסערע בליקן אויף דעם יונגערמאן וואס פארדינט נישט קיין סאך און צאלט איבער אויף זיין אויטא ווי אויף דעם מיליאנער? ווייל מיר זענען ליידער אומריכטיג צוגעוואוינט צו מקנא זיין מענטשן וואס לעבן אויף א הויכן סטאנדארט. דאס איז געזאגט געווארן אין אלע אספעקטן פון אונזער לעבן – ביים שטריימל, קליידער, וואקאציע, ביים קויפן עליות, א קאר, ביי א וואכנאכט, קידוש, חתונה מאכן, אא"וו.

דאן איז פאראן נאך א חלק פון פיר פרעשור, דאס וואס מענטשן זוכן ארויסצושטארצן העכער פון א צווייטן און טוען דעריבער שפענדן געלט וואס זיי האבן ניטאמאל. ווי מער געלט ער קען אויסגעבן און ווייזן פאר זיינע ארומיגע זיין גרויס "עשירות", אלץ מער סוקסעספול שפירט ער זיך. און ווען די ארומיגע זעען דאס, ווילן זיי אים דירעקט אדער אומדירעקט איבערשטייגן, אזוי שאפט זיך אן אומריכטיגע פינאנציעלע געוואוינהייט ביי אסאך מענטשן.

## 3. מיר ווילן נישט איינזען דעם אמת

נאך א ווייטאגליכע מציאות איז פאראן ביי אסאך מענטשן, אז מען וויל נישט איינזען די רעאליטעט. מען רעדט זיך איין אז מ'קען סיווי נישט לעבן נארמאל, און אזוי טוט מען לעגיטימיזירן דעם נישט-נארמאל. א ביישפיל איז ווען א מענטש וואס ליגט פארזונקען אין קרעדיט קארט חובות, אבער ער איז איבערצייגט אז ער "מוז" פארן אויף א טייערער וואקאציע אין פלארידע. ער פארפירט אז איך מוז האבן א וואקאציע אויב וויל ער קענען אנגיין. דאס הייסט שפייען דאס מציאות אין פנים און נישט טראכטן מיט לאָגיק.

דער ראַציאָנעלער לאָגיק זאגט אז מ'קען מוותר זיין אדער אפשטופן די וואקאציע. אבער דאס איינגעגעסענע געפיל אז "איך מוז" זיגט, און דאס טוט נאכמער פארקריפלען זיין פינאנציעלן צושטאנד. מענטשן ווילן נישט פארשטיין און רעאליזירן דאס מציאות אפילו ווען זיי געפינען זיך אין חובות. דאס פאראורזאכט פאר א ריזיגן פראצענט מענטשן אז זיי קענען זיך נישט ארויסדערזען פון זייער לאך.

דאס האט מען געזען אויף א פרעצעדענטלאזן פארנעם בשעת דעם ביטערן קאראנא-ווירוס עפאכע, ווען מענטשן האבן באקומען גרויסע געלטער פון רעגירונגס הילפס-פראגראמען. אנשטאט מען זאלן אויסניצן די געלעגנהייט אוועקצולייגן דאס געלט אדער כאטש דעקן די חובות און קרעדיט קארט בילס, האבן מענטשן אנגעהויבן אויסגעבן מער פאר לוקסוס און דערמיט געהויבן זייערע סטאנדארטן. און אפילו נאכדעם ווען די געלטער האבן זיך אויפגעהערט, האט מען נאכאלץ געשפירט אז מען מוז נאכקומען די סטאנדארטן פונעם לעצטן שטיק צייט, ווייל עס איז זייער שווער צו באשליסן אז דאס איז עס, יעצט האב איך מער נישט דאס געלט, גיי איך מיר נישט פארגינען דאס אלעס. ליידער איז נאר געווען ממש א קליינער פראצענט מענטשן וואס האבן ווירקליך אוועקגעלייגט דאס געלט צו חתונה מאכן אדער אויף צו דעקן וויכטיגע הוצאות.

די דריי אויבנדערמאנטע פראבלעמען ברענגען אסאך מענטשן צו זאגן: "מ'קען נישט אנדערש. למעשה, דאס איז דאס לעבן, עס קאסט וואס עס קאסט, מענטשן לעבן אויף הויכע סטאנדארטן, און עס איז נישט מעגליך צו טוישן דאס מציאות."

דאס איז אבער זייער ווייט פון ריכטיג. דער פאקט איז אז יעדער מענטש קען שניידן פון זיינע אויסגאבן, און אויב וויל עמיצער זאגן "איך קען נישט", דאן איז עס בלויז א טייל פונעם איינרעדעניש וואס מיר האבן דערמאנט אויבן אין נומער דריי. עס פעלט זיך פשוט אויס צו טראכטן ארויס פון דעם איינרעדעניש, און פלוצלינג וועט יעדער טרעפן ביי זיך אסאך אויסגאבן וואס ער קען גענצליך אראפשניידן, אדער כאטש פארקלענערן.

לאמיר זיך נישט נארן, דאס לעבן פון א היימישן איד וועט טאקע אלעמאל קאסטן מער ווי דאס לעבן פון להבדיל א גוי. אבער די אלע זאכן וואס מיר האבן זעלבסט דערקלערט


ר' חיים טרעט אויף פאר צאנז קלויזנבורגער בעלי בתים אין בארא פארק

אלס וויכטיג און אז "מען מוז", דאס אלעס מוז זיך אפשטעלן. דאס אז אן ארעמאן זאל מוזן אויסשטאפירן א פרישע פארפאלק מיט צען-פופצן טויזנט דאלארדיגע מעבל אנשטאט קויפן ביליגערע איז א חורבן.

■ **זייער קלאר ערקלערט. אבער למעשה, דער עולם איז נישט גענצליך משוגע. וואס איז טאקע פשט אז מענטשן לייגן זיך אריין אין חובות אין גיבן אויס אזויפיל איבריגע געלט, ווען מען קען זיך דאס אלעס פארשפארן?**

וויבאלד די סטאנדארטן באשטימען אז מ'מוז קויפן טייערע מעבל, עכטע צירונגען, און נאך, פאסירט אז אפילו ווען א מענטש דערזעט זיך מיט צען קינדער חתונה צו מאכן און ער דארף אויסגיבן אזויפיל געלט, קען ער נישט שפאָרן אויף זאכן וואס איז נישט מער ווי "נארמאל", אזוי צו זאגן. אזוי אויך מיט'ן זיך געפעלן. מ'האט מורא אז אפשר וועט דער מחותן מיך באטראכטן ווי א שלעפער אויב לייג איך נישט גאלדענע אותיות אויפ'ן חתונה בריוול.

אלזא, עס איז ווי דערמאנט דער חוט המשולש פון די סטאנדארטן, פיר פרעשור, און נישט וועלן איינזען דאס מציאות.

## חתונה הוצאות

*אלס א פינאנציעלער עצה-געבער וועלכער איז פארמישט אין די פינאנצן פון פילצאליגע היימישע יונגעלייט, דערקענען מיר אן עקסטערן טרויער אויף ר' חיים'ס געזיכט ווען עס קומט צו דעם נושא פון די טייערע חתונות. אסאך טינט און שפייעכץ זענען שוין פארגאסן געווארן צו ברענגען א לייזונג צו דער וואקסנדער פראבלעם, אבער דערווייל זענען פאראן הונדערטער היימישע אידן וועמענ'ס לעבן קומט צו אן אפשטעל בשעת זיי דארפן פירן א קינד אונטער דער חופה.*

איך זיץ כסדר מיט מענטשן וועלכע האלטן איידער'ן חתונה מאכן א קינד, און מיר רעדן דורך די פינאנציעלע שוועריגקייטן וואס זיי גייען אריבער. טייל מחותנים זענען שוין גרייט צו קוקן מיט אן אויפריכטיגן בליק און אקצעפטירן דאס מציאות (נומער דריי), אבער צוליב דעם פיר-פרעשור און הויכע סטאנדארטן (איינס און צוויי) קענען זיי זיך נישט שטארקן צו מאכן א באשלוס און נידערן זייערע אויסגאבן.

איך קען עמיצן וואס ער לעבט אלעמאל זייער אויסגערעכנט. ער שפענדט נישט קיין




איבעריגן דאלאר, און גיבט באמת אכטונג אויף זיין געלט. ער פלעגט אלעמאל קלארשטעלן אז ווען ער וועט חתונה מאכן וועט עס זיין ממש אויפ'ן ביליגסטן אופן, און ער וועט נישט אויסגעבן אפילו איין דאלאר פאר שטותים.

ווען עס איז אבער געקומען און זיין זון אין חתן געווארן, האט ער מיר דערציילט אז זיין זון האט באקומען א טייערן חתן-ש"ס פאר א מתנה, און היות ער האט געוואלט זיין זון זאל קענען בעסער לערנען האט ער צוגעלייגט א טויזנטער צו קויפן נאך א בעסערן ש"ס מיט פירושים. ווייטער ווען עס איז געקומען צום כלה-רינגל האט ער "בלויז" צוגעלייגט דריי טויזנט דאלאר פאר א שענער רינגל, און אזוי ווייטער נאך צוויי אלפים פאר דער מוזיק...

דאס איז שוין דער אויסגערעכנטער מענטש.

דער מחותן האט פשוט נישט געכאפט אז ער ווערט געטריבן פון די הויכע סטאנדארטן, דאס וואס ווערט אנגערופן "נארמאל".

אויב זוכט מען באמת א לייזונג צו די הויכע קאסטן פון חתונה מאכן, דאן ברויך מען זיך נעמען ארבעטן אויף די דריי אויבנדערמאנטע: נידערן די סטאנדארטן, זיך אפלאזן פונעם מה יאמרו הבריות, און איינזען דאס מציאות וואו מען שטייט. מ'קען טאקע נישט פארריכטן די ארומיגע, מ'קען אבער זיך זעלבסט פארריכטן.

עס איז טאקע זייער באגריסנד די אומצאליגע פראגראמען און דערלייכטערונגען וואס די קהילות הקודש שטעלן צו פאר זייערע מיטגלידער. א מערהייט קהילות האבן שוין היינט ביליגע חתונה זאלן און פראגראמען ארויסצוהעלפן די בעלי שמחה, און איינוועגס טוט דאס אויך נידערן די סטאנדארטן – וואס איז קריטיש וויכטיג פאר אונזער עקאנאמיע. אבער פארט פעלט זיך אויס אן אויפשאקלונג ביי יעדן באזונדער; עס קען נישט נאר זיין א זאך וואס דער קהילה שטעלט צו.

און לאמיר האלטן קאפ, חתונה מאכן איז פשוט די גרעסטע הוצאה וואס יעדער אלגעמיינער מענטש האט דורכאויס זיינע יארן, אבער עס איז לאו דווקא ביים חתונה מאכן. עס איז פונקט אזוי ביי קלענערע שמחות, ביים קויפן קליידער, און ביי פיל אנדערע טאג-טעגליכע געברויכן, וואו עס ווערן אויסגעגעבן שווערע טויזנטערס וואס מען וואלט געקענט פארשפאָרן ווען מען האלט ווען דעם קאפ גראד און מען לאזט זיך נישט נארן פון אויסערליכע פיר פרעשור וכדומה.

## וואו שטעקט דער לאָך?

■ **מיטהאלטנדיג אזויפיל פערזענליכע פינאנצן פון אחינו בני ישראל, האט איר ווארשיינליך אן אינערליכן בליק אויף די פינאנציעלע פראבלעמען וואס פלאגט אונזער עולם. לאמיר הערן, וואו שטעקט אממערסטנס דער לאך און וואו מענטשנ'ס געלט ווערן צערונען, וואס דארט דארף מען ספעציעל אכט געבן?**

איבעראל. עס הייבט זיך אן ביי קלייניגקייטן, און עס גייט ווייטער און ווייטער ביז גאר גרויסע סומעס. איינער וואס גיבט נישט אכט אויף אן איינצלנעם דאלאר, גיבט אויך נישט אכט אויף א צוואנציגער, און אויך נישט אויף א הונדערטער.

לאמיר אנכאפן א טיפישן ביישפיל. יעדער איינער האט קאווע אינדערהיים און אין ביהמ"ד. זענען אבער פאראן יונגעלייט

ווען מען עס שמעקט ליבערשט א בעסערע קאווע, און זיי צאלן יעדן טאג דריי דאלאר פאר א מאשין קאווע פון געשעפט. אז מען מאכט דעם חשבון, קומט דאס אויס צו כמעט טויזנט דאלאר א יאר(!). און אזא סארט יונגערמאן וועט געווענליך אויך נישט טראכטן צוויי מאל בעפאר'ן ארויסגיין עסן מיט חברים אין טייערע רעסטוראנטן וכדומה, א שוויץ איז עפעס וואס ער קען נישט דורכשטופן די וואך אדער חודש אן דעם, און עס שטעלט זיך נישט אפ דא. אויב לעבט מען מיט אזא לויזער פינאנציעלער ווירטשאפט, דערזעט מען זיך אין אן אויגנבליק מיט א דעפיציט פון צען, צוואנציג, און אפילו דרייסיג אדער פערציג טויזנט דאלאר א יאר. עס איז נישט שייך אנצוכאפן קיין פינקטליכע פרטים, ווייל די געברויכן און געוואוינהייטן זענען אנדערש ביי יעדן מענטש. הצד השוה שבהם, אז עס הייבט זיך אן ביי צוויי-דריי דאלאר, און עס גייט ארויף אָנלימיטעד.

> איך האב דאך נישט קיין דאלאר צו דער נשמה, איך זינק אין חובות, זאל איך צאלן פאר איינעם זאל מיר אויסגלייכן מיינע פינאנצן? עס וועט מיר נאר קאסטן נאך געלט וואס איך האב נישט!

## חסיד'ישע מלבושים

**■ עס איז פארהאן א גרויסער ווייטאג ביי אונזער היימישע עולם, אז די חסיד'ישע מלבושים קאסטן אין דער וועלט אריין. מאנכע ווילן זאגן אז יעדער מלבוש וואס איז ערצייגט געווארן דירעקט פאר חסיד'ישע אידן בעט מען דערפאר טייער געלט, מיט'ן חשבון אז דער קאסטומער וועט דאס סייווי נישט קענען קויפן ערגעץ אנדערש. איר האלט אז דאס איז טאקע אזוי, און אז אין דעם שטעקט א חלק פון דער פינאנציעלער פראבלעם וואס פלאגט די היימישע עקאנאמיע?**

לאו דווקא. עס קוקט אפשר אויס אזוי, אז די חסיד'ישע מלבושים וועלכע ווערן ערצייגט דירעקט פאר אונזער עולם קאסטן טייער בלויז צוליב דעם ווייל מען איז ממילא געצוואונגען דאס צו קויפן, און די געשעפט אייגנטימערס רייטן דערויף. אבער פון מיין פערספעקטיוו זע איך דאס אן אביסל אנדערש.

עס זענען פארהאן ביליגערע רעקלעך, עס איז פארהאן פשוט'ע כאלאטן, און עס איז פארהאן בעקיטשע סארט כאלאטן. עס זענען דא ביליגע שטריימלעך, און היינט איז שוין דא צו קריגן סינטעטישע הוטן וואס קאסטן פיל ביליגער ווי די געווענליכע הוטן. אויב זאל זיך דער עולם צוזאמנעמען און נידערן די סטאנדארטן, איז דא אויפ'ן מארק גענוג ביליגע אפציעס פון חסיד'ישע מלבושים. נאר וואס דען? אונזער עולם האט א הויכקלאסישן געשמאק, און מען וויל זיך קליידן מיט'ן שענסטן און בעסטן. דאס איז וויאזוי איך זע דעם קריזיס פון די טייערע מלבושים. הגם חז"ל זאגן דאך אז "כל ישראל בני מלכים", וואס בארעכטיגט אפשר דעם געשמאק וואס מיר פארמאגן אין שיינע מלבושים, אבער מען דארף זיין רעאליסטיש, און מען טאר נישט האלטן די סטאנדארטן אויף א ניווא וואס פלאגט אכציג-נייינציג פראצענט פונ'עם ציבור.

גלייכצייטיג איז וויכטיג ארויסצוברענגען, אז מיר הייסן נישט פאר קיינעם פון אונזערע קליענטן צו לעבן גאר אנדערש פון זיינע ארומיגע. דער וועג וויאזוי מיר ארבעטן איז אז אינערהאלב דעם אלגעמיינעם לעבנסשטייגער זאל מען לעבן נארמאל און באלאנסירט, זיך צו קענען דעקן, און נישט אריינפאלן אין קיין חובות.

מיר שטעלן נישט אויס אונזערע קליענטן צו לעבן נידריגער ווי די סטאנדארטן - א נארמאלער געזונטער מענטש וויל און דארף לעבן אין געזעלשאפט. מען קען בעז"ה אויסשטעלן יעדן איינעם צו קאנטראלירן זיינע פינאנצן אויף א פארנעם אז ער זאל בעז"ה קענען שפייזן זיין פאמיליע און חתונה מאכן די קינדער פון אייגן געלט. אבער עס איז קלאר ווי דער טאג אז די הויכע סטאנדארטן פארשווערן גאר שטארק דאס צו עררייכן.

## א בודזשעט ביים מיליאנער

**■ מען זעט צומאל גרויסע עשירים וואס קוקט אויס אז זיי שפענדן געלט אן א חשבון. איז פארהאן א ציפער וואס אויב מען פארדינט אזויפיל וועט שוין נישט אויספעלן צו לעבן איסגערעכנט, ווייל מען האט ממילא גענוג געלט?**

אויסדריקליך נישט. דער מיליאנער דארף אויך האבן א פינקטליכן בודזשעט, נאר אויף אסאך א גרעסערן פארנעם ווי דער אלגעמיינער ארבעטער, אזוי אז פאר דעם אלגעמיינעם פארדינער קוקט אויס ווי יענער האט נישט קיין שום חשבון אויף זיינע געלטער.

פונקט ווי ווען מען שטעלט אויס דעם בודזשעט פאר א געווענליכן פארדינער, וועט מען נישט אפמאכן א פינקטליכן ציפער וויפיל פלעשער מילך ער מעג קויפן א וואך, נאר מען מאכט א סך הכל וויפיל עס דארף צו קאסטן זיין וועכנטליכער גראסערי ארדער, און דאס גאנצע עסן וואס ער קויפט איז אריינגערעכנט אין דעם ציפער. דאס זעלבע איז מיט דעם מיליאנער. ער האט א בודזשעט וויפיל עס קאסט זיין עסן, ער האט א בודזשעט וויפיל עס קאסט זיין קליידונג, און ער האט אויך א בודזשעט וויפיל ער וויל געבן פאר צדקה. און וויבאלד ער פארדינט ב"ה גענוג, האט ער אויך א בודזשעט וויפיל ער גיבט אויס פאר עקסטערע זאכן וואס פעלן נישט ממש אויס צום לעבן, וואס פאר אן אלגעמיינעם מענטש קומט ווייט נישט אין באטראכט אריינצולייגן די סארט זאכן אין דעם בודזשעט. אן א בודזשעט דערזעט זיך יעדער אין א לאך. דער עושר שפענדט לכתחילה אסאך מער, און אויב לעבט ער נישט מיט א בודזשעט וועט ער אויך אריינפאלן אין א לאך.

א גוטער ביישפיל ווי וויכטיג עס איז צו לעבן מיט א פינקטליכן בודזשעט איז די פעדעראלע רעגירונג. עס איז נישט פארהאן אין דער וועלט נאך א קאסע וואס פארדינט אזויפיל געלט א יאר ווי די אמעריקאנער רעגירונג, דאך זיצט זי יעדער שטיק צייט און באשליסט צו העכערן דעם חובות-דאך. ווען מען זאל אביסל אריינטראכטן, הייבט דאס נישט אן צו שטימען. א קאסע וואס קריגט חודש'ליך ביליאנען דאלארן אין שטייערן, און נאך פאנטאסטישע סומעס וואס זי קריגט פון פארשידענע כסדר'דיגע הכנסות, און דאך איז זי כסדר פארנומען צו קענען בארגן נאך, אזש די אור-אייניקלעך גייען נישט קענען אפצאלן די צענדליגער טריליאנען דאלארן חובות וואס זאמלט זיך אלץ מער און מער. די העכסט ווארשיינליכע סיבה דערצו איז פשוט צוליב וואס די רעגירונג פירט נישט ריכטיג דעם בודזשעט, און גיבט אויס געלטער אן אן אויפריכטיגן חשבון. פון דעם קען מען זיך קלאר איבערצייגן די וויכטיגקייט פון לעבן מיט אן אויפריכטיגן חשבון.

## א בושה צו בעטן הילף

**עס איז קלאר ביי יעדן איינעם אז כלל ישראל געפינט זיך אין א שרעקליכן פינאנציעלן קריזיס. וואס איז די סיבה אז רוב מענטשן נעמען זיך נישט אין די הענט אריין, און ווענדן זיך נישט פאר הילף?**

עס ווערט צוביסלעך מער און מער אז מענטשן קומען ארויס מיט זייערע פינאנציעלע פראבלעמען, און מען זוכט די נויטיגע הילף. אבער אין אלגעמיין שפירן מענטשן זייער אומבאקוועם צו עפענען פאר אנדערע זייערע ביכער. מען קוקט דאס אן פאר גאר א פריוואטן און סענסיטיוון נושא, און עס פאדערט אסאך כחות הנפש דאס צו עפענען פאר אנדערע און נעמען די נויטיגע הילף. דאס איז די ערשטע סיבה.

נאך א סיבה דערויף איז אז מענטשן טראכטן, וואס וועט מיר "טויבער'ס סאלושענ'ס" העלפן? זיי גייען שתדל'ען ביי מיין בעל הבית פאר א העכערונג אין מיין געהאלט? זיי גייען זען דערצו אז דער מוסד וואו איך שיק מיינע קינדער זאל נידערן דעם שכר לימוד? איך קען פינקטליך מיינע הכנסות און הוצאות, און איך זע נישט וואס מען קען דא בעסער מאכן. אבער דער אמת איז אז פאר יעדן אויף דער וועלט איז פאראהאן א מהלך אוועקצושטעלן זיינע פינאנצן אויף א געזונטן וועג. ווי נאר מען הייבט אן זיך אויסצוקלארן אביסל, מען זעצט זיך אראפ מיט איינעם וואס טוט דאס טעגליך, און מען שטעלט אויס זיין פינאנציעלן פּאָזל אויף אן עפעקטיוון פארנעם, ווערן זאכן מסודה, און מען קען זיך אליין נישט גלייבן וויפיל לייכטער עס ווערט פלוצלינג.

מיר האבן געהאט עטליכע קליענטן וועלכע האבן נישט פארדינט גענוג אויף צו דעקן דעם חודש, און אויסערליך האבן זיי אויך נישט געזען קיין וועג צו ערווארטן א העכערונג אין געהאלט. מיר האבן געארבעט מיט יעדן פון זיי, און בעז"ה געטראפן פאר יעדן פון זיי א וועג צו פארדינען מער געלט. געוויסע האבן מצליח געווען צו טרעפן א זייטיגע פרנסה, און מיט געוויסע האבן מיר בעז"ה מצליח געווען איבערצוציגן זייער פאזיציע אין זייער ארבעטספלאץ און יא געטראפן א וועג וויאזוי זיי קענען ברענגען מער פארדינסטן פאר'ן ביזנעס, און זיי האבן ב"ה געקריגן א שיינע העכערונג. דער צד השוה צווישן די אלע איז אז זיי האבן גענומען דעם געזונטן מהלך מיט א שטארקער פאראנטווארטליכקייט, און זיך געהאלטן דערצו עד הסוף. נאר אזוי האבן זיי אלע בעז"ה שיין מצליח געווען זיך ארויפצושטעלן אויף די ריכטיגע פינאנציעלע רעלסן.

די דריטע סיבה פארוואס מענטשן זוכן נישט קיין הילף איז ווייל מען מאכט דעם פשוט'ן חשבון, איך האב דאך נישט קיין דאלאר צו דער נשמה, איך זינק אין חובות, זאל איך צאלן פאר איינעם זאל מיר אויסגלייכן מיינע פינאנצן? עס וועט מיר נאר קאסטן נאך געלט וואס איך האב נישט! אבער דער חשבון איז אינגאנצן גרייזיג. ווייל פונקט ווי א מענטש ווייסט אז ווען ער האט נישט קיין עקסטערע פרוטה וועט אים נאכאלץ זיין רענט און שכר לימוד קאסטן יעדן חודש, מען קען זיך נישט ארויסדרייען פון די וויכטיגע לעבנס-קאסטן אפילו מען בלוטיגט פאר א דאלאר, דאס זעלבע איז מיט'ן זיך ווענדן פאר פינאנציעלע ראט. אויב זענען דיינע פינאנצן כסדר נעגאטיוו, מיין נישט אז דו וועסט דאס דורכשטופן, עס וועט נאר ערגער ווערן, עס וועט אפעקטירן דיין שלום בית, דיין חינוך הבנים, דיין געזונטשאפט, און פארשטייט זיך דיין אינערליכע מנוחת הנפש. יא, עס קאסט געלט צו נעמען הילף, אבער נישט צו נעמען הילף וועט קאסטן אסאך מער.

## פון 0% APR צו $0 חובות

פאריאר חנוכה צייט איז אריינגעקומען צו מיר א יונגערמאן א שיינער פארדינער. ער און זיין בני בית ארבעטן. ער פאר א צווייטן, און זיין ווייב האט ב"ה אן אייגענער ביזנעס. ער האט דאן געהאלטן נאכ'ן אויסברייטערן זיין פרוי'ס געשעפט, און ער האט ארויסגענומען קרוב צו זעכציג אלפים פון קרעדיט קארטלעך, פארשטייט זיך מיט 0% APR פאר אכצן חדשים. ער האט אבער גאנץ שנעל געזען אז די חובות ווערן נישט קלענער. עס איז טאקע נישט געוואקסן, אבער מיט א שנעלן בליק אויף פאראויס, האט ער געזען אז די אכצן חדשים גייען אנקומען ווען רוב פון די חובות וועלן נישט זיין אפגעצאלט.

ער איז אריינגעקומען צו אונז אין אפיס, און מיר זענען איבערגעגאנגען זיינע פינאנצן, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס ווערן פארוואסערט ביי דעם יונגערמאן שווערע טויזנטערס א יאר. טראץ וואס ער האט ב"ה שיין פארדינט, האט ער אבער נישט געהאט קיין געהעריגע סעיווינגס, און אפגערעדט אז ער האט נישט געקענט אפצאלן די כמעט זעכציג אלפים.

נאכ'ן מסדר זיין אן אויפריכטיגן בודזשעט, האט ער זיך פלוצים דערזען מיט אפאר עקסטערע אלפים יעדן חודש. ער האט גאנץ שנעל אפגעצאלט אלע חובות, און ער האלט בס"ד הארט בעפאר'ן עפענען אן אייגענעם ביזנעס אן נוצן אן איינצעלנע קרעדיט קארטל.

## חובות

*פון די גאר שטרענגע פארשריפטן ביי ר' חיים, איז אן אויסדריקליכער פארבאט אויף בארגן געלט. אפגעזען פון וועמען, און אפגעזען אין וועלכן מצב א מענטש געפינט זיך.*

איך זאג אלעמאל, די איינציגע צוויי סיבות אויף וועלכע מען מעג בארגן איז מארטגעדזש פאר א הויז, און חודש'ליכע צאלונגען פאר א – נישט טייערע – קאר אויב עס פעלט אויס.



דער פינאנציעלער ראטגעבער ר' נפתלי אסטרייכער פון טויבער'ס סאלושענס

אסאך מענטשן שרייבן אויף אין גראסערי. מען דארף וויסן אז דאס איז א פינאנציעלע סכנה, וואס איז קיינמאל נישט גראטן, בלי שום יוצא מן הכלל. ב"ה אז רוב גראסעריס אין מאנסי, וואו איך וואוין, ערלויבן נישט אויפצושרייבן. אפילו פאר ווער עס קען דאס באצאלן לייכטערהייט יעדן חודש, טוט דאס אויפשרייבן פארברענען זיין געלט. דער פאקט איז אז מען קויפט אסאך גרינגער און אויף א ברייטערן פארנעם פון וויפיל עס פעלט באמת אויס ווען מען גיבט נישט אויס דאס געלט אויף דער מינוט.

פאר געוויסע קומט אן שווער צו צאלן פאר יעדער קלייניגקייט וואס מען קויפט, ספעציעל אין וויליאמסבורג און אין בארא פארק וואו מען וואוינט טיר ביי טיר נעבן דער גראסערי, און מען שיקט כסדר א קינד צו קויפן א קלייניגקייט. אבער דער ריכטיגער וועג איז, אז אויב מען קען זיך נישט זען באצאלן יעדעס מאל וואס מען גייט אין גראסערי, זאל מען זיכער מאכן צו האבן אלעמאל קרעדיט, און ווען די קרעדיט האלט זיך ביים אויסלאזן זאל מען אריינלייגן נאך געלט.

אזוי אויך א מענטש וואס באצאלט זיין טעלעפאן ביל מיט א קרעדיט קארטל, איז פארהאן א גרויסער שאנס אז ער וועט עווענטועל אריינפאלן אין חובות.

איינמאל מען זעט זיך ארויס פון די חובות און מ'לעבט נישט אויף געבארגטע געלט, איז צייט צו טראכטן פון אוועקלייגן געלט. פארשטייט זיך אז דאס אוועקלייגן דארף צוגיין אויף דעם ריכטיגן אופן, ווי מיר וועלן בעז"ה שפעטער אויסשמועסן.

**ווען איינער איז שוין פארזונקען אין חובות, וויאזוי הייבט ער אן זיך צוזאמצוקלויבן דאס אפצוצאלן?**

מען הייבט אן. מען קען פארשטייט זיך נישט ווערן פארלוירן און גארנישט טון ווייל די חובות זענען צו גרויס. ווען איינער האט חובות, דארף ער אריינלייגן אין זיין בודזשעט א געוויסע סומע געלט וואס ער וועט חודש'ליך אראפגעבן אויף אפצוצאלן די חובות.

דער פראקטישער וועג זיך מסדר צו זיין מיט די חובות און צוביסלעך אפצאלן, איז אראפצושרייבן א פינקטליכע ליסטע פון אלע חובות אין א רייע, פונעם קלענסטן ביז'ן גרעסטן, און מען זאל צוערשט אפצאלן די קלענערע, און שפעטער די גרעסערע. די סיבה פון צאלן די קלענערע בעפאר די גרעסערע, איז ווי די גמרא זאגט אין מס' בבא מציעא, "נפחא כי תקלא" – יעדער חוב, אפגעזען די פינקטליכע סומע דערפון, לייגט עקסטער דרוק אויפ'ן קאפ. מער חובות איז מער דאגות. דער סכום געלט וואס דו גייסט אראפגעבן חודש'ליך איז דאך סייווי געוואנדן אין דיין בודזשעט, און נישט אינעם סכום געלט וואס די חובות באטרעפן, דעריבער איז וויכטיגער כאטש צו נידערן די צאל בעלי חובות, און אזוי ארום פארלייכטערן דעם מצב אין גייסטישן זין.

חוץ אויב עס זענען פארהאן געוויסע חובות וועלכע דריקן שטערקער, דער מלוה שטייט דערויף אוןווארט יעדן טאג אויף זיין געלט, אדער אין פאל מען צאלט פאר דעם חוב גרויסע פראצענטן ל"ע, לייגט מען דאס אויבן פון דער ליסטע.

ווען א מענטש באצאלט פאר עפעס און דאס געלט גייט נישט גלייך ארויס פון זיין קאנטע, וועט ער נאטירליך שפענדן מער. דאס איז א פאקט, און סטאטיסטיקעס צייגן אז א געווענליכער אמעריקאנער שפענדעט צווישן 7 און 12 פראצענט מער אויף א קרעדיט קארטל ווי אויף א דעביט קארטל אדער קעש

## קרעדיט קארטל - דער פינאנציעלער שטן

*רעדנדיג פון בארגן, קומט נאטירליך אפיר דער נושא פון קרעדיט קארטלעך, אויף וועלכע ר' חיים טוט זיך אויסדרוקן גאר שארף און קעגנעריש. ער באטיטלט דאס פלאסטישע קארטל אלס "דער פינאנציעלער שטן", וואס פארבלענדעט די אויגן פון א מענטש און שלעפט אים אריין אין הויכע אויסגאבן וואס ער וואלט קיינמאל נישט געהאט ווען נישט דאס קארטל ליגט אין זיין טאש.*

עס איז פארהאן א ריזיגע פראצענט מענטשן אינערהאלב די היימישע קרייזן וועלכע באניצן זיך מיט א קרעדיט קארטל. טייל מענטשן באניצן זיך דערמיט אויף א טאג-טעגליכן פארנעם, זיי גייען איינקויפן אין גראסערי און באצאלן זייערע בילס מיט א קרעדיט קארטל, ווידער זענען פארהאן מענטשן וואס נוצן דאס בלויז פאר ספעציפישע בילס אדער אויסגאבן.

א דורכשניטליכער פארדינער איז נישט מעגליך ער זאל מצליח זיין אויב וועט ער נוצן א קרעדיט קארטל! נאכמער, עס איז העכסט ווארשיינליך אז ער וועט עווענטועל אנזעצן. מענטשן מיינען אז די פראבלעם פון קרעדיט קארטלעך איז די צינזן וואס מען באצאלט, אבער אייגנטליך איז דאס ליידער א שטיקל ישועה, זייענדיג די איינציגע זאך וואס וועקט אויף מענטשן צו דער פראבלעם... ווען נישט די ריבית וואלט א מענטש נישט פארמאגט קיין שום גרעניצן, און זיינע אויסגאבן וואלטן ארויסגעגאנגען פון פראָפּאָרציע.

די ווירקליכע פראבלעם פון קרעדיט קארטלעך איז אז ווען א מענטש באצאלט פאר עפעס און דאס געלט גייט נישט גלייך ארויס פון זיין קאנטע, וועט ער נאטירליך שפענדן מער. דאס איז א פאקט, און סטאטיסטיקעס צייגן אז א געווענליכער אמעריקאנער שפענדעט צווישן 7 און 12 פראצענט מער אויף א קרעדיט קארטל ווי אויף א דעביט קארטל אדער קעש.

יעצט ווען מיר רעדן פון אידישע קינדער וואס דאס לעבן קאסט אסאך מער ווי דער גוי, איז דאס פילפאכיג ערגער. און דאס איז א מציאות פון וואס קיינער קען זיך נישט ארויסדרייען. אדרבה, זאל יעדער נאכקוקן ביי זיך, און זען וויאזוי זיינע אויסגאבן שטייען מיט א 10–15 פראצענט מער ווען ער באניצט זיך מיט א קרעדיט קארטל.

**למעשה, מיר לעבן היינט אין א וועלט פון קרעדיט קארטלעך. קעש איז א יקר המציאות, און נישט אלעמאל האט א מענטש געלט אין זיין באנק קאנטע אויף צו קענען נוצן דאס דעביט קארטל. אויב איינער ווייסט אז מארגן קומט אריין זיין געהאלט אין זיין באנק קאנטע, איז א**

**פראבלעם אז ער נוצט א קרעדיט קארטל מיט א חשבון לויט וויפיל געלט ער ווייסט אז ער גייט האבן אין באנק צו באצאלן?**

טראץ וואס מיר לעבן אין א וועלט פון קרעדיט קארטלעך, דארף מען אבער קלאר וויסן און פארשטיין, אז אפילו אין שווערסטן פאל איז דאס נישט קיין הילפס מיטל, נאר ליבערשט עפעס וואס פארקריפלט דעם מענטש'ס פינאנצן, און שלעפט אים אריין אין א פארקניפטער קייט פון חובות. עס הערט זיך טאקע איבערגעטריבן, אבער דאס איז דער ווייטאגליכער פאקט.

אלזא, דא קומט אריין דער קאנצעפט וואס מיר האבן דערמאנט אויבן, אז אכציג פראצענט פון א מענטש'ס פינאנצן איז געוואנדן אין זיין פינאנציעלער געוואוינהייט, און בלויז צוואנציג פראצענט איז די ווירקליכע נומערן.

ווען א מענטש קען נישט דעקן זיין חודש'ליך לעבן אבער ער האט א קרעדיט קארטל וואס העלפט אים שטופן, טוישט ער נישט זיין פינאנציעלע באנעמונג, און ער וועט דעריבער נישט אונטערנעמען קיין שריט צו שפענדן ווייניגער, פארדינען מער, און אוועקלייגן געלט. דעריבער איז א קרעדיט קארטל א "פינאנציעלער שטן" – עס איז פון די הויפט שטערונגען וואס לאזט נישט א מענטש ארויסקומען פון זיין לאך, נאר טוט פאראורזאכן ער זאל בלייבן פארזונקען אין א קייט פון אומבאלאנסירטע פינאנצן.

## אינפלאציע ביים היימישן עולם

**■ "אינפלאציע" איז ביז נישט לאנג צוריק געווען אן אומבאקאנט ווארט פאר אסאך מענטש, און איז אין א קורצער צייט פארוואנדלט געווארן אלס די טעמע פון טאג און פאר מאנכע אלס די גרעסטע קללה. אפשר קענט איר אויסברייטערן דעם נושא, און צי דאס איז טאקע עפעס וואס איז שולדיג אין דעם מצב פון היימישע פרנסות?**

פון מיין פערזענליכער ערפארונג קען איך זאגן, אז בעפאר ראש השנה תשפ"ד האבן די ציפערן פון מיינע קליענטן געהאלטן ביי פופציג–פופציג. דאס הייסט אז פופציג פראצענט זענען געווען אין חובות און געזוכט ארויסצוקומען דערפון, און פופציג פראצענט זענען געווען שיינע פארדינער וועלכע האבן געזוכט זיך אויסצוברייטערן און אוועקלייגן געלט. אבער זינט ראש השנה תשפ"ד האט זיך אלעס געטוישט. דער פראצענט פון בעלי חובות אדער משפחות וועלכע מוטשען זיך צו דעקן דעם טאג טעגליכן האט זיך ליידער געהויבן צו ארום 75–80 ה"י.

עס לאזט זיך גרינג זאגן אז אונזער עולם מוטשעט זיך ווי קיינמאל פריער. די הויכע אינפלאציע וואס האט אנגעהויבן פלאגן די פאראייניגטע שטאטן מיט עטליכע יאר צוריק, טוט אצינד אויסקלאפן מיט דער גאנצער קראפט, און מענטשן קענען דאס נישט איבערטראגן. דער דורכשניטליכער גוי וואס האט געזען ווי זאכן ווערן טייער, האט באלד אנגעהויבן צו נידערן זיינע אויסגאבן און זיך איינגעצוימט דעם פאסיק, אבער להבדיל ביי אונז היימישע אידן האט מען עפ"י רוב נישט אויפגעגעבן אפילו אויף א קליינינקייט.

> **פארדינסטן מאכן אויס בלויז 20% פון פינאנצן, 80% ווענדט זיך וויאזוי מען פירט זיך אויף מיט געלט**

מען האט פארגעזעצט צו לעבן מיט די הויכע סטאנדארטן און אויסגעגעבן אלע געלט וואס מ'האט פארדינט, מען האט ווייטער גענוצט קרעדיט קארטלעך און זיך נישט צוגעפאסט צום נייעם מציאות, אזוי האט זיך די היימישע אינפלאציע געהויבן אסאך העכער ווי ביי דער אלגעמיינער גאס. דורכאויס די לעצטע דריי יאר האבן מיר אין דער היימישער עקאנאמיע א פופציג פראצענט אינפלאציע ראטע, אינדערצייט וואס אין די אלגעמיינע גאס איז דאס בלויז דרייסיג פראצענט.

הערשט לעצטנס האבן מענטשן זיך אויפגעוועקט צו דער שרעקליכער פראבלעם



ר' חיים טרעט אויף מיט א דרשה פאר יונגעלייט פון דער ווינער קהילה

וואס פלאגט אונזער עולם. מיר האבן זיך נישט גענומען אין די הענט אריין בשעת די אינפלאציע האט זיך אנגעהויבן, מיר האבן נישט אונטערגענומען קיין מיטלען זיך צו באפאסן מיט'ן נייעם מציאות, און יעצט ווען מ'איז שוין ממש דערשטיקט שפירט דער מענטש ביי זיך אז עס איז זייער שווער צו נידערן די אויסגאבן, צוליב דעם וואס די הויכע סטאנדארטן איז געווארן עפעס צו וואס מען איז צוגעוואוינט און קוקט אויס ווי די פשוט'ע נארמע.

אפילו יעצט ווען דער מצב קען שוין גערופן ווערן אומדערטרעגליך, זע איך נאכאלץ נישט אז מענטשן פארשטייען באמת וואס דא גייט פאר. עס זעט מיר אויס ווי מענטשן זוכן נאכאלץ צו בארעכטיגן דעם הויכן סארט לעבנסשטייגער, און נעמען נישט אונטער קיין באלדיגע שריט זיי זאלן חלילה נישט אריינפאלן אין אומאנגענעמע מצבים.

## די רפואה צום פינאנציעלן קריזיס

*נאכ'ן הערן אזוי דעטאלירט אראפגעלייגט די יסודות פון דעם פינאנציעלן קריזיס וואס פלאגט אזוי דעם היימישן ציבור, קומען מיר אן צו די היילונגס מיטלען וועלכע ר' חיים ערקלערט טעגליך פאר זיינע קליענטן. מיר באקומען א בליק אריין אין דעם אייגנארטיגן מהלך פון ר' חיים אינאיינעם מיט זיין שטאב, וואס האט שוין באוויזן ארויסצוהעלפן הונדערטער היימישע יונגעלייט זיך אוועקשטעלן אויף די פיס.*

**וואס קענט איר זאגן אין אלגעמיין פאר מענטשן וועלכע ווילן זיך נעמען אין די הענט אריין? וואס זענען די פשוט'ע מיטלען וויאזוי ארויסצוקריכן פונעם גרוב, און אנהייבן לעבן מיט געזונטע באלאנסירטע פינאנצן?**

מען קען נישט אוועקשטעלן קיין כללים. כסדר קומען אריין צו אונז אין אפיס מענטשן מיט דער זעלבער פראבלעם אז זיי קענען נישט דעקן דעם חודש, און בעז"ה טרעפן מיר פאר יעדן איינעם אן אייגנארטיגע לייזונג ארויסצוקומען פון זיינע פראבלעמען און טוישן זיין פינאנציעלע באנעמונג. אבער וואס יעדער פאר זיך קען טון, איז ארבעטן אויף די דריי אויבנדערמאנטע זאכן: נידערן די סטאנדארטן, ארויסהאקן פון קאפ די פיר פרעשור, און איינזען דאס מציאות. דאס וועט אים גאר שטארק ארויסהעלפן בעז"ה, און ער וועט זען א גרויסע ישועה אין זיין פינאנציעלער וועלט.

אין אונזער פירמע ארבעטן מיר מיט א מהלך פון "מהלכים". דאס הייסט אז מיר נעמען א באזונדערן צוגאנג צו יעדן אייגנארטיגן מענטש, געוואנדן אין זיין פינאנציעלער סטאטוס און געוואוינהייטן. יעדער מענטש אדער פארפאלק האט זיין איינגארטיגע נאטור און לייזונגען וואס ארבעטן פאר אים, און דעריבער פעלט זיך אויס צוצופאסן פאר יעדן אן אייגנארטיגן מהלך.

מיר פארמאגן איבער 300 פארשידנארטיגע סארט מהלכים וואס מיר טוען צופאסן פאר יעדן מענטש באזונדער, און דאס ווערט געטון נאך אן אפשאצונג און אבזערוואציע פון יענעמ'ס פינאנציעל און פערזענליך לעבן.

דורכאויס די יארן האבן מיר ערווארבן א ברייטע ערפארונג אינעם פעלד פון בודזשעטינג, און באטראכט פילצאליגע פעלער וואו מענטשן זענען ארויסגעקומען פון זייערע שוועריקייטן דורכ'ן טוישן זייער פינאנציעלע געוואוינהייט.

דאס וואס ארבעט פאר ראובן ארבעט נישט פאר שמעון, דעריבער פעלט זיך אויס צו באטראכטן יעדן פאל באזונדער. פארהאן מענטשן וואס זייער נאטור ערלויבט זיי צו זיין מער שפּאָרזאַם און דיסציפלינירט, ווידער איז פארהאן ברייטערע מענטשן וואס איז זיי שווער צו לעבן מיט אזא פינקטליכן חשבון. דאס זעלבע איינער וואס איז אין חובות קען נישט נעמען דעם זעלבן מהלך ווי איינער וואס איז נישט



אין קיין מינוס. אלזא, פאר יעדן מענטש איז פארהאן אן אייגנארטיגן מהלך וואס קען אים בס"ד אוועקשטעלן אויף די פיס.

**לאמיר דאס אביסל דעטאליזירן. ווען עס קומט אריין א קליענט צו אייך, ער האט חובות איבער'ן קאפ, ער האט א קינדער-געבענטשטע פאמיליע, און ער ברעכט אונטער פון זיינע פינאנצן. וואו הייבט איר אן מיט אים?**

צוערשט גייט מען שטאָט און פינקטליך איבער זיינע הכנסות און זיינע הוצאות. דערנאך גייט מען איבער זיינע פינאנציעלע שאיפות – יעדער מענטש האט געווענליך עפעס א פינאנציעלער ציל וואס ער וויל עררייכן, קיינער פלאנט נישט צו ארבעטן און לעבן פון געהאלט צו געהאלט ביז די הונדערט און צוואנציג. איינער וויל זיך איינהאנדלען אפאר הייזקעלעך וואס זאל אים ברענגען א לייטישע הכנסה, איינער וויל אינוועסטירן אין א ביזנעס, אא"וו.

איינמאל מען ווייסט די נומערן פון זיין בודזשעט, וואס עס קאסט אים חודש'ליך און יערליך, און וואס עס זענען זיינע יעצטיגע הכנסות, הייבט מען אן קוקן וואו עס שטעקט דער לאך, און מען הייבט אן אריינקוקן אין די מעגליכע אפציעס וואס מען קען טון אז ער זאל זיך קענען דעקן בשלימות בס"ד.

דער סדר וויאזוי מען דארף אויסשטעלן דעם בודזשעט דארף זיין אז צוערשט דארף מען זען צו דעקן די חודש'ליכע געברויכן, דערנאך דארף מען זיכער מאכן אז מען האט נישט קיין חובות. ד"ה אז אפילו ווען איינער איז פארזונקען אין חובות, איז נישט די ערשטע זאך צו אפצאלן די חובות, נאר צוערשט דארף ער זיין מסודר אויף טאג טעגליך, און דערנאך קומען די חובות. די דריטע זאך דארף זיין דאס האבן א סכום געלט אוועקגעלייגט אין פאל עס קומט אונטער א גרעסערע הוצאה. די פערטע זאך איז דער פלאן אויף פאראויס, ווי געשמועסט, אויב וויל ער קויפן א הויז אד"ג. דער פינפטער זאך איז דאס אינוועסטירן געלט אויף צו האבן ביים חתונה מאכן און פאר די עלטערע יארן.

יעדע פון די פינף זענען קריטיש וויכטיג, אבער דער מהלך זיך מסדר צו זיין צוביסלעך ווען מען וויל באלאנסירן די פינאנצן דארף צוגיין אויף דעם וועג.

גאר א וויכטיגע נקודה דארף מען געדענקען, אז די ערשטע אויסגאבע וואס מען לייגט אריין אין דעם בודזשעט דארף זיין דער מעשר. חז"ל זאגן "עשר בשביל שתתעשר", און דער פסוק


ר' חיים טרעט אויף מיט ראט אין קהילת גור אין בארא פארק, אראנזשירט דורך ארגון "עשה טוב"

זאגט דאך "ובחנוני נא בזאת". די איינציגע זאך וואס דער אויבערשטער לאזט אז מען זאל אים פארהערן, כביכול, איז אויף דעם ענין פון צדקה. און יעדער וועט אליין זיך איבערצייגן אז נישט נאר וואס מען דערלייגט נישט דערפון, נאר מען פארדינט דערפון, אזויווי דער צוזאג פון דער תורה הקדושה.

**■ וואס טוט איר ווען עס קומט אריין איינער וואס שפענדט נישט קיין עקסטערן דאלאר, און נאכ'ן איבערגיין פינקטליך זיינע חשבונות שטעלט זיך ארויס אז זיינע הוצאות זענען טאקע מער ווי זיינע הכנסות, און פאר א נויט איז ער נישט פונקט געאייגנט אריינצוברענגען נאך געלט אין שטוב?**

מיר זאגן ביי ברכת המזון "הזן את הכל", און חז"ל נוצן דעם אויסדרוק אז דער אויבערשטער איז "זן ומפרנס מקרני ראמים עד ביצי כינים". דער אויבערשטער האט נישט באשאפן א מענטש צו הונגערן. אויב האט דער באשעפער אריינגעבלאזן אין אים א רוח חיים, האט ער אויך אנגעגרייט פאר אים א מקור הפרנסה, מען דארף דאס נאר טרעפן. עס איז נישט פארהאן קיין מציאות אז א געזונטער נארמאלער מענטש זאל נישט קענען האבן קיין דרך הטבע'דיגע פרנסה. טאקע נישט פאר יעדן איז באשערט עשירות, אבער אויף צו ברענגען ברויט אין שטוב איז בס"ד מעגליך פאר יעדן איינעם. און דאס איז וואס מיר טוען, מיר זיפן דורך אלע מעגליכקייטן, ביז ווילאנג מען טרעפט צו דעם פאסיגן מהלך פאר יעדן אינדיווידואַל.

## ווען די ווייב שפענדט

*מען הערט אפט יונגעלייט אין קאווע-שטיבל זיך באקלאגן אז די ווייב פארשווענדעט זיין געלט. עס קוקט שטארק אויס אז דא רעדט אן אויסגערעכנטער יונגערמאן וועלכער האט א חשבון אויף יעדן דאלאר, און איז ליידער געפראוווט געווארן מיט אן אשת חיל וואס לייגט זיין אויסגעהארעוועט געלט אין מיסט. ר' חיים קוקט אבער דערויף מיט אנדערע גלעזער.*

צוערשט וועל איך דיר מגלה סוד זיין, אז טראץ וואס אין מענער-שול קען מען טאקע הערן אפט אז יונגעלייט באקלאגן זיך אז די ווייב גיבט אויס זייער גאנצע געלט, איז אבער אינ'אמת'ן עפ"י רוב פארקערט, מענער פארשווענדן אין אלגעמיין אסאך מער געלט פאר מינדערוויכטיגע זאכן ווי פרויען.

טראץ וואס אין מענער-שול קען מען טאקע הערן אפט אז יונגעלייט באקלאגן זיך אז די ווייב גיבט אויס זייער גאנצע געלט, איז אבער אינ'אמת'ן עפ"י רוב פארקערט, מענער פארשווענדן אין אלגעמיין אסאך מער געלט פאר מינדערוויכטיגע זאכן ווי פרויען

אנגעהויבן פון ארויסנעמען א ליעס אויף א טייערן באקוועמען קאר, קויפן עליות שבת יו"ט ר"ח אדער סתם א מאנטאג און דאנערשטאג, צי מיט'ן מנדב זיין א לחיים וכדומה, און ווייטער ביים ארויסגיין מיט חברים עסן, גיין אין שוויץ, פארן אויף נסיעות, וכהנה וכהנה. די אלע זאכן קומען אויס צו אסאך מער געלט פון וויפיל די אלגעמיינע פרויען גיבן אויס.

און דאס איז ווען מען קוקט אויף די ציפערן וויפיל געלט עס ווערט פארנוצט. אבער לאמיר קוקן מיט אביסל א קלארערן בליק. ווען א פרוי פארשווענדט געלט, וואו גייט דאס געלט? עס גייט געווענליך פאר עסן, קליידער, און פארשידענע שטוב געברויכן. מען קען זיך טאקע דינגען פינקטליך וויפיל געלט מען דארף צאלן פאר די זאכן, און געוויסע פרויען צאלן טאקע מער ווי די אלגעמיינע סטאנדארטן, אבער אין מערסטנס פעלער וועט בסך הכל אויסקומען אז די פרוי נוצט פאר די וויכטיגע זאכן אביסל מער געלט וויפיל עס פעלט באמת אויס.

אבער ווען מען קוקט אויף וועלכע זאכן די מענער גיבן אויס געלט, זעט מען דארט אסאך מער פארשווענדריי פאר לוקסוס און באקוועמליכקייטן. גאנץ אפט קומען אריין צו אונז קליענטן וועלכע די פרויען באקלאגן זיך אז דער מאן פארשווענדעט דאס געלט פאר מינדערוויכטיגע זאכן, און עס בלייבט נישט איבער פאר די נוטיגע שטוב געברויכן, און זיי ווילן אז מיר זאלן זיי העלפן מיט די פינאנצן.

**■ אלזא, אפגעזען ווער פינקטליך עס פארשווענדט דאס געלט, דער מאן אדער די פרוי, ווילן מענטשן וויסן, וואס טוט מען ווען דער לעבנסבאגלייטער גיבט אויס דאס געלט אויף מינדערוויכטיגע זאכן?**

דער ענטפער אויף דעם איז זייער פשוט. יעדער געזונטער מענטש האט עפעס אויף וואס ער צילט, ער ווייסט וויאזוי ער וויל זיינע פינאנצן זאלן זיין באלאנסירט. כאטש נישט יעדער וועט אריינלייגן קאפ און מח אז זיינע שטרעבונגען זאלן טאקע צושטאנד קומען, ווייסט ער אבער אינערליך וואס ער וויל. און אפילו ווען ער פארנוצט דאס געלט פאר שטותים, איז אויך נישט פשט אז געלט האט ביי אים נישט קיין ווערד, ער וועט נישט גיין צערייסן קיין הונדערטערס און אויך נישט קיין פופציגערס, ניטאמאל וועט ער אוועקווארפן א קווארטער אין מיסט. דאס וואס ער גיסט געלט פאר זאכן וואס קוקט פאר דיר אויס גענצליך

איבריג, איז בלויז ווייל פאר אים זעט דאס יא אויס וויכטיג.

אלזא, ווען מען לעבט מיט איינעם וואס גיבט אויס געלט אויף איבריגע פלעצער, דארף מען זיך פשוט אראפזעצן, און מאכן א חשבון: וויאזוי ווילן מיר אונזערע פינאנצן זאלן אויסקוקן? מיר ווילן קויפן א הויז? מיר ווילן חתונה מאכן די קינדער אן חובות? נאכ'ן האבן קלאר פאר די אויגן צו וואס מען צילט, מאכט מען דעם חשבון וויפיל געלט עס קומט אריין חודש'ליך, און מען זעט וויאזוי מען קען רעאליזירן די שטרעבונגען. פארשטייט זיך אז נאכ'ן מאכן דעם פשוט'ן חשבון, וועט מען זען אז מען מוז שניידן פון די אויסגאבן, און דאן וועט מען זייער גרינג קענען פונאנדערשיידן וועלכע אויסגאבן מען מוז ווייטער אנהאלטן, וועלכע מען קען אביסל איינציען, און וועלכע זענען אינגאנצן איבריג.

איינער וואס גיבט לייכט אויס געלט, קען טאקע זיין אז אין אנהייב וועט דאס לעבן מיט א פינאנציעלן חשבון זיין שווער פאר אים, אבער ווי געזאגט, וויל ער דאך באמת דעם חשבון, ער וויל זיין סוקסעספול אין זיינע פינאנצן, און ער וויל ערריכן דאס וואס ער ווינטשט זיך. דעריבער דארף מען אים פשוט אראפזעצן, און מאכן דעם חשבון אינאיינעם. עס איז אסאך גרינגער ווי מען מיינט.

## פינאנצירן א ביזנעס כלפי פריוואטע פינאנצן

**■ איז דאס פינאנצירן א ביזנעס דאס זעלבע ווי פערזענליכע פינאנצן? דהיינו, אז איינער וואס קען גוט פירן א ביזנעס אז עס זאל מאכן גענוג געלט, און אז מען זאל נישט פארשווענדן קיין געלט פאר עקסטערע זאכן, אזא איינער וועט אויך בעסער וויסן וויאזוי צו באלאנסירן זיינע פערזענליכע פינאנצן, אדער איז דאס צוויי עקסטערע זאכן?**

עס האט נישט קיין שום שייכות. אין פערזענליכן לעבן האט יעדער מענטש געוויסע זאכן וואס ציען אים, און ער קען זיך אפט נישט באהערשן, און ער גיבט אויס געלט אויף געוויסע הנאות וואס ער וויל האבן, ווען אין ביזנעס האט ער נישט דעם נסיון דערויף. פאקטיש האבן מיר אסאך קליענטן וועלכע פירן גרויסע מולטי-מיליאן דאלארדיגע ביזנעסער, אבער אין זייער פערזענליך לעבן האבן זיי זיך נישט געקענט צוזאמקלויבן און פירן א שכל'דיגן בודזשעט.

## אוועקלייגן געלט - וויאזוי, וויפיל, און וואו?

**■ וויאזוי קען א מענטש זיך צוזאמקלויבן אוועקצולייגן גענוג געלט, און וואו איז א גוטער פלאץ אוועקצולייגן געלט?**

א מענטש דארף וויסן קלאר, אז אויב האט ער נישט קיין צען ביז צוואנציג טויזנט דאלאר אוועקגעלייגט פאר א רעגנדיגן טאג, אין פאל עס קומט אים אונטער סיי וועלכע גרעסערע אויסגאבע, ווערט ער אויפריכטיג באטראכט ווי אין א דעפיציט. דאס מציאות איז אז יעדער איינער דערזעט זיך יעדע שטיק צייט מיט עפעס א גרעסערע הוצאה אויף וועלכער ער האט זיך נישט גערעכנט, און פונקט ווי מען רעכנט זיך נישט אויף דער ספעציפישער הוצאה, רעכנט מען זיך אוודאי נישט אויף דעם סכום וואס דאס גייט קאסטן. דעריבער דארף א מענטש זיין קלאר איבערצייגט אז דאס האבן צוואנציג טויזנט דאלאר אוועקגעלייגט איז א חלק פון זיינע געברויכן, און ער מוז דאס אלעמאל האבן.


ר' חיים טרעט אויף מיט פינאנציעלע הדרכה אין קהילת וויזניץ

יעצט וואו פינקטליך אוועקצולייגן דאס געלט, איז דא פארשידענע פלעצער און מהלכים. איך פערזענליך טו שטארק רעקאמענדירן צו אוועקלייגן דאס געלט אין א סעיווינגס אקאונט. די בעסטע בענק פאר דעם זענען "דיסקאווער" און "קעפיטאל וואן", ווייל ביי די צוויי בענק וואקסט דאס געלט אין די סעיווינגס אקאונט מיט גרעסערע פראצענטן ווי ביי אנדערע.

יעדנפאלס, זאל מען נישט האלטן די סעיווינגס אקאונט אין דער זעלבער באנק וואס מען נוצט פאר'ן טעגליכן באנוץ. און דער אורזאך דערפון איז זייער פשוט, ווייל ווי דערמאנט דארף די סעיווינגס זיין מוקצה, און אויב האט מען דאס צו דער האנט, ספעציעל אין דער היינטיגער טעכנאלאגישער וועלט ווען מיט א דרוק אויפ'ן קנעפל פארט אריין דאס געלט פון דער סעיווינגס אקאונט צו דער טשעקינג אקאונט, איז דאס נישט מוקצה. עס איז כמעט הונדערט פראצענט זיכער אז אויב האלט מען די סעיווינגס אין דער זעלבער באנק וואס מען נוצט פאר טשעקינג, וועט דאס איין טאג פארוואסערט ווערן, למחצה לשליש ולרביע. פארשטייט זיך אז ווער עס וויל נישט האלטן קיין געלט אין באנק צוליב סיי וועלכער סיבה, קען דאס האלטן אין א גמ"ח, אבער רעקאמענדירט איז דאס צו האלטן אין א סעיווינגס אקאונט.

אין צוגאב צו דעם, מוז מען אראפציפן חודש'ליך א סכום וואס זאל ווערן אינוועסטירט אויף גוטע פלעצער. מיין העכסטע רעקאמענדאציע איז צו אינוועסטירן אין דעם בארימטן S&P 500, וועלכער איז דער מערסט פארזיכערטער פאנד אויפ'ן סטאק מארקעט. דער רעקאמענדירטער סכום וויפיל מען זאל אינוועסטירן, איז 250 דאלאר פער קינד חודש'ליך. ווער עס האט נישט אזויפיל אוועקצולייגן, זאל כאטש אנהייבן מיט וויפיל ער קען, מיט'ן ציל דאס צו העכערן ווען די השפעות וועלן זיך פארמערן.

איך וויל קלארשטעלן אז איך גיב נישט קיין ספעציפישע אינוועסטמענט אנווייזונגען; איך רעקאמענדיר בלויז דעם אלגעמיינעם מהלך וואס א מענטש זאל נעמען אין זיינע פינאנצן, און יעדער זאל זיך אליין אויסארבעטן דעם מהלך וואס ארבעט פאר אים.

**■ זאל א מענטש צוערשט קויפן א הויז**

**אויף ארייַנצושטעלן א טענענט וואס זאל אים ברענגען א הכנסה, אדער זאל מען צוערשט זיך איינהאנדלען אן אייגענעם דאך איבער'ן קאפ נישט צו זיין אנגעוויזן אויף א לענדלארד?**

די שאלה איז אן אלטע דעבאטע, און עס האט נישט קיין כלליות'דיגן ענטפער. עס איז געוואנדן אין דעם פלאץ וואו מען וואוינט, און אין די פינאנציעלע מעגליכקייטן און לעבנס אויסשטעל פון יעדן איינעם באזונדער. עס איז פאראן ווער עס מאכט זיך דעם חשבון אז ער קען ב"ה צאלן זיין רענט גרינגעהייט, און אויב ער וועט וואוינען אין אן אייגן הויז אויף וועלכע ער וועט דארפן צאלן מארטגעדזש וועט אים דאס קאסטן פיל מער. ער וועט דעריבער צוערשט קויפן א הייזקע וואס זאל אים ברענגען געלט, און נאר ווען ער וועט שפירן אז זיין בודזשעט איז בעז"ה גענוג ברייט, וועט ער דאן קויפן אן אייגן הויז אויף צו וואוינען.

ווידער איז פאראן א צווייטער וואס וואוינט אין א רעלאטיוו-ביליגן געגנט, און עס איז קלאר אז דער חילוק פון קויפן א הויז יעצט ביז אין פינף יאר ארום וועט זיין פאנטאסטיש גרויס, וועט ער דעריבער אויסוועלן ערשט צו קויפן א הויז אויף צום וואוינען.

ווייטער קען זיין א דריטער פאל, אז איינער האט עפעס געלט אוועקגעלייגט אויף צו קויפן קרקע, אבער ער זעט נישט אין דער נאנטער צוקונפט אז ער זאל זיך קענען ערלויבן צו קויפן א הויז אין דער געגנט ווי ער וויל וואוינען, צי ווייל עס איז גאר טייער, צי ווייל זיין געזינדל פארמערט זיך און זיינע הוצאות שטייגן, אא"וו. ער וויל אבער שוין יעצט אינוועסטירן דאס געלט וואס ער האט, און דערמיט קויפן ריעל עסטעיט. וועט ער יעצט קויפן א הויז אין א ביליגן געגנט, און וועט לאזן דאס קויפן א הויז צום וואוינען לכשירחיב ה'. די אלע אויבנדערמאנטע זענען אויפריכטיגע חשבונות, דעריבער איז נישט שייך צו גיבן א כלליות'דיגע רעקאמענדאציע אויף דעם.

> אין דער אלגעמיינער אמעריקאנער באפעלקערונג לעבן 78% מענטשן פון "פעי-טשעק צו פעי-טשעק." ביי אונז איז עס ארום 90%

■ **אין קורצן, וואס קענט איר זאגן אויף א כלליות'דיגן פארנעם פאר איינעם וואס וויל באלאנסירן זיינע פינאנצן?**

צוערשט זאל ער זיין קלאר צו וואס ער צילט, וואס ער וויל אלץ ערררייכן מיט זיין געלט במשך די קומענדיגע יארן לאויש"ט. דערנאך זאל ער זיכער מאכן צו שטיין ווייט פון יעדן סארט חוב, נישט אויפשרייבן אין ערגעץ, נישט נוצן קיין קרעדיט קארטל, און נישט בארגן פון קיין חברים אדער גמ"ח. אויב האט מען שוין חובות, זאל מען זיך מסדר זיין דאס אפצוצאלן אויף דעם אויבנדערמאנטן סדר. דאן קומט דאס אוועקלייגן געלט פאר גרעסערע הוצאות וואס קומען אונטער אומגעראכטן, און דערנאך דאס אוועקלייגן געלט אויף צו קויפן א הויז, אדער אויף צו אינוועסטירן.

דאס אלעס ערררייכט מען בעז"ה אין דירעקטן רעזולטאט פון מאכן א פינקטליכן בודזשעט. דהיינו, אז מען קוקט אנהייב חודש וויפיל געלט מען ערווארט צו פארדינען דורכאויס דעם חודש, און במשך דעם חודש קוקט מען וויפיל געלט עס גייט אויס פאר יעדן סארט געברויך, און לויט דעם שטעלט מען אוועק א קביעות'דיגן בודזשעט פאר'ן יאר. פארשטייט זיך מיט'ן נעמען אין חשבון די חדשים וואס די קאסטן זענען מער, דאס נעמט אריין די דריי אויבנדערמאנטע חלקים וויאזוי דאס ריכטיג אוועקצושטעלן. מען קען דאס טון מיט פענע און פאפיר, אזוי אויך זענען פאראן פארשידענע פלאטפארמעס וואס זענען שטארק בייהילפיג פאר דעם.

ווי פארשטענדליך קענען מיר נישט אויסלאזן די עיקר השתדלות, וואס דאס איז תפילה. מען זאל דאווענען והכן פרנסתנו מידך הרחבה והמלאה, ואל יצטרכו עמך בית ישראל זה לזה ולא לעם אחר.

•

מיר באדאנקען זיך פאר ר' חיים פאר'ן שענקען פון זיין צייט צו אדרעסירן די קריטיש וויכטיגע פראבלעמען און אונז איבערצייגן אז "אין הדבר תלוי אלא בנו".

עס בלייבט אונז בלויז איבער צו ווינטשן אז אלע אידישע קינדער זאלן האבן ברייט פרנסה, און דורכדעם וואס מיר וועלן טון דאס ריכטיגע השתדלות אכטונג צו געבן אויף אונזער געלט, און פארשטייט זיך געבן מעשר פון יעדער פרוטה, וועלן מיר בס"ד זוכה זיין צו פולע טאשן און רואיגע הערצער.

